ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
# במדבר

אידיש

**834**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק סז-סח

## במדבר

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

דער טאַטע דאַרף דערציען זיינע קינדער צו לימוד התורה, צו דרך ארץ און צו משא ומתן באמונה. - אַ רמז אויף דעם פסוק "ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך". - אַ מעשה פון זוהר וועגן דער פטירה פון רבי אליעזר הגדול. - ווען דער צדיק ווערט נפטר, גייט די שכינה מיט די מלאכים און די נשמות פון די צדיקים אַנטקעגן צו באַגלייטן זיין נשמה צו איר אָרט. - דער מענטש דאַרף מתפלל זיין אַז ער זאָל זוכה זיין נסתלק צו ווערן מיט דער פטירה פון די צדיקים.

נפש, רוח, נשמה זענען אַנטקעגן תפילין של יד, תפילין של ראש, און ציצית. - דער וואָס איז מוציא זרע לבטלה ווערט זיין תפילה נישט אָנגענומען ח"ו. - די מעלה פון אַ בכור וואָס איז "ראשית אוני". - טרערן ביים דאַווענען זענען אַ תיקון אויף פגם הברית. - מיט שמחה של מצוה איז מען מכניע די קליפה פון מחלי"ת און אירע מחנות, און מיט אבילות פון מצוות איז מען מכניע לילי"ת און אירע מחנות. - מצות ביכורים.

# על ידי שיראת ה' היא אוצרו, על ידי זה התורה נקראת תורת ה'

וזהו ג"כ ענין מארז"ל פ"ב דשבת דף ל"א סע"א, קבעת עתים לתורה כו' פלפלת בחכמה כו', ואפילו הכי **אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא**. משל לאדם שאמר לשלוחו העלה לי כור חיטין לעליה, הלך והעלה לו, אמר ליה, **עירבת לי בהן קב חומטין, אמר ליה, לאו, א"ל, מוטב שלא העליתה**. והענין, כי **חטה הוא כ"ב אתוון דאורייתא** . . **וקב חוטמין** פרש"י ארץ מלחה, **והוא ענין ולא תשבית מלח כו'**. וזהו שנזכר עירבת לי בהן קב חומטין, דתיבת לי מיותר, אלא דר"ל שע"י **שיראת ה' היא אוצרו אזי התורה והחטים הם לי, ונק' תורת ה'** . . משא"כ תורה בלא יראה כו'.

(לקוטי תורה לבעל התניא דף ו' טור א')

# אינהאלט

## פון פרקים ס״ז - ס״ח


א. אין פרק ס״ז ווערט ערקלערט: דער טאַטע זאָל אָנווייזן זיינע קינדער צו לערנען תורה און זיך אויפפירן מיט דרך-ארץ און האַנדלען ערליך ............ ה

ב. אין פרק ס״ח ווערט ערקלערט: דער ענין פון נפש רוח און נשמה און אַנטקעגן דעם זענען דריי מצות: תפילין של יד, של ראש און ציצית ............ ט

ג. ווייל יעדער טראָפּן בלוט אין דעם קערפּער איז געציילט און געמאָסטן פאַר השם יתברך ............ ט

ד. אין דעם מענטשן איז פאַראַן אַכצן חוליות אין דער שדרה, וואָס זיי זענען קעגן די אַכצן ברכות אין שמונה עשרה ............ י

ה. די רשעים ווערן געטריבן ווי די כוואליעס פון ים ............ י

ו. ווייל דער ערשטער זון וואָס איז געבוירן געוואָרן פון זיין רעכטע ווייב וועט זיך שטאַרקן איבער זיי ............ יא

ז. דעריבער דאַרף דער מענטש דאַווענען מיט טרערן ............ יא

ח. פרייען ביי אַ שמחה של מצוה און קלאָגן אויפן חורבן, זענען מכניע כוחות הטומאה ............ יב

ט. דורך דעם מאַכט ער אונטערטעניק די צוויי ווייבער ״מחלת״ און ״לילית״, זיי זאָלן נישט האָבן קיין רשות אים צו מאַכן זינדיגן ............ יב

י. אויך די פרויען זענען אָנגעזאָגט נישט צו טראַכטן קיין שלעכטע זאַכן - און קריאת-שמע שעל המטה איז אַ תיקון ............ יג

יא. שנעל תשובה טאָן און דאַן וועט אים גוט זיין ............ יד

# פרק ס״ז

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער טאַטע זאָל דערציען זיינע קינדער צו לערנען תורה און זיך אויפפירן מיט דרך-ארץ און האַנדלען ערליך

**א. כתיב,** עס שטייט (דברים ו, ז): ״וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וגו׳״ - דו זאָלסט לערנען מיט דיינע קינדער. דאָס איז אַן אָנזאָג צו דעם פאָטער ער זאָל לערנען מיט זיין זון אין אים שאַרפן אין תורה, און אויב דער פאָטער איז נישט קיין בן-תורה, דעמאָלטסס איז ער אָנגעזאָגט: ״ודברת בם״ - ער זאָל רעדן מיט די מלמדים, זיי זאָלן לערנען מיט זיינע קינדער, און ער זאָל זיינע קינדער מדריך זיין ווען זיי וואַקסן אונטער, אין עניני פרנסה און דרך-ארץ. אָבער בעיקר זאָל ער אַכטונג געבן אויף זיין זון, ער זאָל נישט עובר זיין אויף דער תורה אפילו אויף אַ האָר.״

**״ובשבתך בביתך,״** - ווען דער מענטש איז אין דער היים זאָל ער זיך אויפפירן ווי עס דאַרף צו זיין און מיט יראת שמים. ער זאָל דערציען זיין משפחה, אַז די טיר פון שטוב זאָל זיין אָפן פאַר אָרעמע לייט, אויך זאָלן זיי נישט געוואוינט זיין מיט לשון-הרע, און עס זאָל זיך נישט הערן אין שטוב קיין קללה אָדער אַ שבועה.

**״ובלכתך בדרך,״** - אַ מענטש זאָל עוסק זיין אין תורה און צדקה ווי ווייט ער קען. ווי מיר געפינען ביי יעקב אבינו, דאָס ער איז געווען גרייט ״לדורון״ און ״פיוס״ און ״מלחמה״. לדורון - דאָס מיינט מען צדקה צו אָרעמע לייט, וואָס ווערן אָנגערופן אַ מתנה פאַר השם-יתברך, ווי עס ווערט דערמאַנט אין זוהר עטלעכע מאָל (ח״ב, קכט, א; קצח, א); לפיוס - מיינט מען תפלה, איבערבעטן הקב״ה מיט תפלה און תחנונים; למלחמה - מיינט מען די תורה-

מלחמה (וואָס תלמידי-חכמים שפּאַרן זיך אין לערנען ביי זיי זענען מברר אַ ענין), און דערמיט שוואַכט מען אָפּ דעם כוח פון עשו הרשע און זיין שר, ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר פּרשת ואתחנן (סוף עמוד תקי״ג - רסט, א).

**״ובשכבך,״** ווען דו לייגסט זיך שלאָפן, זאָלסטו מייחד זיין דעם נאָמען פון השי״ת אין דער קריאת-שמע פאַרן שלאָף, און זאָלסט הייליקן דיין מחשבה ווען די באַהעפסט זיך מיט דיין פרוי.

**״ובקומך״** - ווען דו, מענטש, שטייסט אויף, זאָלסטו זיך איילן אויף צו שטיין צום דאַוונען, צו געבן אַ דאַנק און לויב פאַר השם יתברך, וואָס האָט דיר צוריק געגעבן דיין נשמה, נאָכדעם קענסטו זיך אָפּגעבן מיט וועלטלעכע זאַכן, געשעפט, מיט ערלעכקייט.

**ג. על כן,** - דעריבער איז גוט פאַרן מענטש, ער זאָל זיך שטענדיק צוגרייטן צו די דריי פריער דערמאַנטע ענינים: ״דורון״ - ער זאָל געבן צדקה צו אָרעמע לייט פאַרן דאַוונען, ״מלחמה״ - דאָס מיינט ער זאָל קובע זיין עתים פאַר תורה און זיך מפלפל זיין אין לערנען ווי אַ מלחמה.

**און אין זוהר** שטייט אַז רבי אליעזר הגדול איז קראַנק געוואָרן, איז געווען ערב שבת און זיין זון הורקנוס איז געזעסן ביי זיין רעכטע זייט, און זיין פאָטער האָט אים מגלה געווען גרויסע סודות. דערנאָך זענען זיי אַריין געגאַנגען די חכמים פון דעם דור, האָט ער זיי געשאָלטן ווייל זיי זענען נישט געקומען תורה לערנען, האָט רבי עקיבא געוויינט און האָט פון אים געבעטן ער זאָל מיט אים עפּעס לערנען פאַר זיין טויט.

**ד. פתח ר׳ אליעזר,** האָט ר׳ אליעזר אָנגעהויבן צו דרש׳ענען אין מעשה מרכבה, איז געקומען אַ פייער און האָט אַרום גערינגעלט רבי אלעזר און רבי עקיבא, האָבן די איבריגע חכמים געזאָגט מיר זענען נישט ראוי דאָס צו הערן, זענען זיי אַרויס

געגאַנגען אויפ׳ן גאַס, האָט רבי אליעזר געלערנט מיט רבי עקיבא דריי הונדערט הלכות אין דער הלכה פון בהרת עזה כשלג, דערנאָך האָט ער אים געלערנט דריי הונדערט סודות אין שיר השירים, און צום פסוק ״סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים״ האָט רבי עקיבא נישט געקענט ליידן דאָס פייער, און האָט אנגעהויבן צו וויינען און האָט נישט גערעדט וועגן די פאָרכט פון די שכינה וואָס איז דאָרט געווען.

**ואחר כך,** דערנאָך האָט רבי אליעזר באַשוואוירן צו רבי עקיבא ער זאָל זיך נישט משתמש זיין מיט קיין שום פסוק פון שיר השירים ווייל עס איז קודש קדשים. דערנאָך איז רבי עקיבא ארויס געגאַנגען און פון זיינע אויגען איז גערינען טרערן און האָט געזאָגט, ווי איז צו די וועלט וואָס וואוינען אין די וועלט וואָס בלייבן יתומים פון רבי אליעזר. דערנאָך זענען די חכמי הדור אַריין געגאַנגען און האָבן גערעדט מיט אים. ווי רבי אליעזר האָט געזען אַז באַלד וועט ער שוין נפטר ווערן, האָט ער געלייגט זיינע ביידע הענט אויף זיין האַרץ, וועלט וועלט! אַ גרויס ליכט ווערט באַהאַלטן און פאַרלאָשן אין דיר. צוויי תורות דאָס איז תורה שבכתב און תורה שבעל פה וועלן היינטיגען טאָג פאַרגעסן ווערן פון די וועלט. אין דער צייט איז רבי עקיבא נישט געווען ביי אים, האָבן די חכמים אים געפרעגט אויב אַ חליצה שוך קען מקבל טומאה זיין אָדער נישט. האָט רבי אליעזר געזאָגט ער איז תמיד טהור, און מיט דעם וואָרט טהור איז רבי אליעזר אויסגעגאַנגען.

**י. ובמוצאי שבת,** מוצאי שבת איז רבי עקיבא געקומען זעןוואָס ער מאַכט, און האָט אויס געפונען אַז ער איז שוין נפטר געוואָרן האָט ער צעריסן זיין קלייד און געוויינט און געשריגען און געזאָגט ״הימעל הימעל, זאָגט צו דער זון און די לבנה דאָס די ליכט וואָס האָט מער געלייכט פון זייער ליכטיגקייט איז יעצט

פינסטער געוואָרן״. רבי יהודה זאָגט בשעת די נשמה פון צדיק וויל אַרויסגיין פון גוף איז זי אין גרויס שמחה מחמת זי איז מובטח אַז זי וועט האָבן גרויס שכר אויף עולם הבא, און אַז זי זעט די שכינה און הייליגע מלאכים און נשמות פון הייליגע צדיקים גייען קעגן איר זי צו באַגלייטן, דעמאָלטס גייט זי גיך אַרויס פון דעם גוף, און ביקט זיך קעגן די שכינה, און דערפאַר דאַרף דער מענטש מתפלל זיין אַז זיין צייט וועט קומען צו שטאַרבן זאָל די שכינה צו אים קומען און ער זאָל שטאַרבן מיט דער מיתה פון נשיקה, און אַז די שכינה קומט צו אים קומען מיט איר דריי כיתות מלאכים, איין כתה זאָגט אים שלום וכו׳.

❖ ❖ ❖

# פרק ס"ח

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער ענין פון נפש רוח און נשמה און אַנטקעגן דעם זענען דריי מצות: תפילין של יד, של ראש און ציצית

**א. כתיב,** עס שטייט (משלי כ, כז): "נר ה', נשמת אדם" - די ליכט פון השם יתברך איז דעם מענטשנס נשמה. עס שטייט אין זוהר פרשת משפטים (דף צ"ט עמוד ב'): דאָס וואָרט "נֵר" איז ראשי תיבות נ'שמה ר'וח, וואָס לייכטן צוזאַמען. און די נשמה איז זייער הייליג, דעריבער טוט זיך אָן אין רוח ווי אַ קלייד. עס איז דאָ נאָך אַ כוח אין דעם מענטשן און דאָס ווערט אָנגערופן "נֶפֶש", זי איז נידעריגער פון רוח, ווייל די נשמה רוהט אין מוח קעגן דעם אָרט וואו די תפילין של ראש ליגן, און דער רוחַ איז אין האַרץ קעגן די תפילין של יד, און דער נפש איז אין לעבער, קעגן די מצוה פון ציצית, אַזוי אַז די דריי מצות זאָלן לייכטן צו יעדן חלק, נפש, רוח און נשמה.

## ווייל יעדער טראָפּן בלוט אין דעם קערפּער איז געציילט און געמאָסטן פאַר השם יתברך

**ב. וידוע,** און עס איז באַוואוסט וואָס אונזער חכמים האָבן געזאָגט, אַז אין די מצוה פון ציצית דאַרף זיין איין פאָדעם פון תכלת, ווייל די פאַרב פון תכלת איז גלייך צו הימל-פאַרב און צום כסא הכבוד, דאָס איז ווייל די מצוה פון ציצית איז קעגן דעם נפש וואָס רוהט אין דער לעבער, ווייל דער עיקר בלוט און כעס איז אין די לעבער, דעריבער איז דער וואָרט "כָּבֵד" אָן אַ וי"ו צוליב כבוד שמים, און ווען דער מענטש היט זיך פון זינדיגן מיט דער לעבער, איז ער אויך משעבד דעם נפש אונטער די קדושה גאַנצערהייט, וואויל איז צו אים און וואויל איז זיין חלק ווייל יעדער טראָפּן בלוט אין דעם קערפּער איז

געציילט און געמאָסטן פאַר השם יתברך, און יעדער טראָפּן בלוט און יעדער אבר פון דעם מענטשן דאַרף דינען השם יתברך.

## אין דעם מענטשן איז פאַראַן אַכצן חוליות אין דער שדרה, וואָס זיי זענען קעגן די אַכצן ברכות אין שמונה עשרה

**ג. כי,** ווייל אין דעם מענטשן איז פאַראַן אַכצן חוליות אין דער שדרה, וואָס זיי זענען קעגן די אַכצן ברכות אין שמונה עשרה וואָס די אנשי כנסת הגדולה האָבן איינגעפירט, און פאַר יעדער טראָפּן זרע וואָס גייט אַרויס דורך די אַכצן חוליות פאַר אומזיסט, איז די ערשטע שטראָף, אַז די אַכצן ברכות וואָס ער דאַוונט ווערן נישט באַוויליגט און אָנגענומען פאַר השם יתברך, ווייל די זרע קומט פון מוח פון דעם אָרט וואו די ריינע נשמה געפינט זיך, און ווען עס גייט אַרויס אומזיסט געט ער איבער די קדושה צו אַ שמוציגן אָרט די סטרא אחרא, און נאָך ערגער ווען אַ מענטש געט אַרויס זרע אין אַ אָרט וואָס איז טמא, ווי אַ נדה אָדער אין אַ פרוי וואָס איז פאַרבאָטן פון דער תורה.

## די רשעים ווערן געטריבן ווי די כוואַליעס פון ים

**ד. וכל,** און יעדער וואָס איז נישט אָפּגעהיט אין אָט דער זינד און רייצט אָן דעם יצר-הרע ביי זיך, און אַוודאַי געוויס די וועלכע ריידן שמוציגע רייד, אויף זיי שטייט (ישעי׳ נז, כ): ״וְהָרְשָׁעִים כַּיָּם נִגְרָשׁ״ - און די רשעים ווערן געטריבן ווי די כוואַליעס פון ים. כאָטש די צווייטע כוואַליע זעט ווי די ערשטע קען אַריבער דעם ים גרענעץ, פונדעסטוועגן רייסט זי זיך צוגיין פאָראויס. און אין דער תורה שטייט בפירוש: (בראשית לח, ז): ״וַיְהִי עֵר רַע בְּעֵינֵי ה׳ וַיְמִיתֵהוּ ה׳״ - און ער איז געווען שלעכט אין די אויגן פון השם יתברך און השם יתברך האָט אים געטויט.

## ווייל דער ערשטער זון וואָס איז געבוירן געוואָרן פון זיין רעכטע ווייב וועט זיך שטאַרקן איבער זיי

**ה. והנה,** דער ש"ך (דף נה. ד"ה ועוד) פרשה כי תצא שרייבט: עס שטייט אין פסוק (בראשית כא, טו): "כִּי תִהְיֶינָה לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת אֲהוּבָה וְהָאַחַת שְׂנוּאָה" - ווען אַ מענטש וועט האָבן צוויי ווייבער איינע איז באַליבט און איינע איז נישט באַליבט. קען מען מפרש זיין די פּרשה, אַז צוויי ווייבער ווערט געמיינט, די ווייב פון דעם מענטש און "לילית הרשעה"[א], און וויבאַלד איינער פון טויזנט מיידט אויס די זינד פון הוז"ל, קומט די תורה און וואָרנט[ב], און דאָס וואָס עס שטייט (דברים כא, טו): "וְהָיָה הַבֵּן הַבְּכוֹר לַשְּׂנִיאָה" - דער ערשטער זון וועט זיין צו די נישט באַליבטע, מיינט: [אויב ער וועט נישט זיין אָפּגעהיטען פאַר די חתונה, דער ריוח פון זיין אָפּגעהיטען ביז נאָך די חתונה וועט זיין] אַז ווען ער וועט שטאַרבן וועלן דאָך קומען די שדין ורוחין ולילין וואָס ווערן געבוירן פון דעם וואָס די לילית איז אים מטמא, און דער זוהר רופט זיי "נִגְעֵי בְּנֵי אָדָם", און זיי וועלן זיך וועלן באַהעפטן מיט אים בשעת קבורה, וועלן זיי נישט קענען ווייל דער ערשטער זון וואָס איז געבוירן געוואָרן פון זיין רעכטע ווייב וועט זיך שטאַרקן איבער זיי, ווייל ער איז עלטער פון זיי[ג].

## דעריבער דאַרף דער מענטש דאַוונען מיט טרערן

**ו. וזהו,** און דאָס זאָגט דוד המלך (תהלים קיט, קלו): "פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ" - טייכן וואַסער רינען אַראָפּ פון מיינע אויגן צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט געהיט דיין תורה. עס שטייט נישט "שָׁמַרְתִּי" נאָר "לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ", דאָס מיינט מען די

---

א) די געהעריגע ווייב איז באַליבט צוליב איר צניעות און ערליכקייט, "נישט באַליבט, ווייל ס'איז פון די כוחות הטומאה.

ב) אַז ווייניגסטנס ביז נאָך די חתונה זאָל מען זיין שטאַרק אָפּגעהיטן.

ג) צוליב דעם ווייל ער איז געווען אָפּגעהיטן.

אויגן, זיי ווייגען ווייל זיי האָבן פוגם געווען דורך קוקן, און די האַרץ גלוסט און אַלע זינד נעמען זיך פון דעם וואָס דער מענטש קוקט וואָס ברענגט פוגם צוזיין במדת היסוד. און די טרערן קומען דאָס צו פאַררעכטן, דעריבער דאַרף דער מענטש דאַוועגען מיט טרערן. אַזוי אויך ווען ער טרויערט אויף דעם חורבן בית המקדש און ווען עס שטאַרבט אַ אדם כשר.

## פרייען ביי אַ שמחה של מצוה און קלאָגן אויפ'ן חורבן, זענען מכניע כוחות הטומאה.

**ז. ואיתא,** און אין זוהר (חלק ב' דף קעח: חלק ג' דף ס:) און אין כתבי האר"י (עץ חיים שער מ"ט דף קיג:) שטייט אַז די צוויי זונות וואָס זענען געקומען פאַר שלמה המלך, זענען געווען "מַחֲלַת" און "לִלִית". די "מחלת" האָט פיר הונדערט און אַכט און זיבעציג מחנות קליפות, ווי דער גימטריא פון דעם נאָמען "מחלת". און די "לילית" האָט פיר הונדערט און אַכציג מחנות, ווי דער גימטריא פון דעם נאָמען "לילית". און אַז דער מענטש איז זיך משמח אין אַ שמחה של מצוה מאַכט ער אונטערטעניג די "מחלת" מיט אירע כתות, און אַז ער קלאָגט צוליב אַ מצוה ווי אויף חורבן בית המקדש אָדער אויף מיתת צדיקים, מאַכט ער אונטערטעניג די "לילית" מיט אירע מחנות. דעריבער זאָגט דער פסוק (קהלת ז, ב): "טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה" - עס איז בעסער צו גיין צו אַן אָבֵל איידער גיין אויף אַ חתונה. ווייל ביי אַן אָבֵל מאַכט ער אונטערטעניג צוויי כיתות מער.

## דורך דעם מאַכט ער אונטערטעניג די צוויי "מחלת" און "לילית", זיי זאָלן נישט האָבן קיין רשות אים צו מאַכן זינדיגן

**ח. והנה,** און עס איז באַוואוסט אַז דאָס ברענגען ביכורים איז געווען מיט גרויס פרייד, ווי עס שטייט אין מסכת בכורים (פרק ג, משנה ג-ד), פאַר זיי איז געגאַנגען איינער מיט אַ פּויק און די לוים

האָבן געזונגען דעם שיר של יום, דעריבער זאָגט דער פסוק "מְלֵאָתְךָ" מיינט דיינע ביכורים וואָס זיי ברענגט מען מיט שמחה, "וְדִמְעֲךָ" מיינט טרערן. און דורך דעם מאַכט ער אונטערטעניג די צוויי ווייבער "מחלת" און "לילית", זיי זאָלן נישט האָבן קיין רשות אים צו מאַכן זינדיגן, דעריבער "בְּכוֹר בָּנֶיךָ תִּתֶּן לִי" - דעם עלטסטן פון דיינע זין זאָלסטו געבן צו מיר. דעריבער שטייט גלייך ווייטער אין פסוק "וְאַנְשֵׁי קֹדֶשׁ תִּהְיוּן לִי" - איר זאָלט זיין הייליגע מענטשן צו מיר. עס מיינט, דער וועלכער היט אָפּ זיין ברית, ווערט אָנגערופן הייליג. דעריבער דער וואָס האָט פוגם געווען אין זיין ברית זאָל אַראָפּלאָזן טרערן ביים דאַווענען און דאַן וועט ער אונטערטעניגן די נגעי בני אדם, ווייל די טויערן פון טרערן זענען נישט פאַרמאַכט, און אַזוי געפינען מיר ביי דוד המלך עליו השלום וואָס האָט געזאָגט (תהלים ו, ז): "מטתי בדמעתי ארשי אמסה" - מיט מיינע טרערן מאַך איך פייכט מיין בעט. נאָך זאָגט ער (תהלים מב, ד): "היתה לי דמעתי לחם" וכו' - מיינע טרערן זענען געוואָרן צו מיר ווי ברויט.

## אויך די פרויען זענען אָנגעזאָגט נישט צו טראַכטן קיין שלעכטע זאַכן און קריאת-שמע שעל המטה איז אַ תיקון

**ט. והנה,** און דער אר"י ז"ל האָט אָנגעזאָגט אויך די פרויען זאָלן ליינען קריאת-שמע שעל המטה, ווייל קריאת-שמע איז מבטל נגעי האדם, און פונקט ווי די מענער זענען אָנגעזאָגט, מען זאָל נישט טראַכטן בייטאָג כדי נישט צוקומען צו קיין טומאה ביינאַכט, זענען אויך די פרויען אָנגעזאָגט נישט צו טראַכטן קיין שלעכטע זאַכן און קריאת-שמע שעל המטה איז אַ תיקון. ביז דאָ זענען די ווערטער פון אר"י ז"ל. דאָס זענען זייער קלוגע ווערטער.

**נאָך** קען מען זאָגן אויף דעם פסוק "כי תהיינה לאיש שתי נשים האחת אהובה" - וואָס דאָס מיינט "מחלת" וועלכע באַווייזט זיך צו מענטשן שטענדיג מיט אַ שמייכל, און "לילית" איז די שלעכטע

וואָס שטענדיג וויינט זי. ״לא יוכל לבכר את בן הבכור״, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון זיין ערשטע גוטע פרוי, ווייל דער מענטש דאַרף זייער אַכטונג געבן [אַז כאָטש ביז נאָך די חתורנה זאָל ער זיין שטאַרק אָפגעהיטן מיט שמירת הברית.

## שנעל תשובה טאָן און דאַן וועט גוט זיין

**י. וכל,** און יעדער וועלכע איז געשטרויכלט געוואָרן אין דעם זינד זאָל לערנען פריער אין פרק ס״ב און אין פרק ע׳ און זאָל וואָס שנעלער תשובה טאָן און דאַן וועט אים גוט זיין.

❖ ❖ ❖